# מעשׂה בגימל אחים

## מעשה בגימל אחים

הענער אַקערמאַן
תרגום: יוסי באומהקר

---

### הקדמה

הרומן שלי עם שפת היידיש התחיל מאוחר בחיי. כילד לא אהבתי את השפה. שנים רבות אחר-כך טיפלתי באימי שסבלה מדמנציה, ובתוך כך דיברה בכל שפות שידעה (עברית, פולנית, צרפתית ויידיש). מתוך רצון לתקשר איתה טוב ככל האפשר, החלטתי ללמוד יידיש – היחידה מ'שפות אימי' שלא הכרתי כלל. בתחילה למדתי בשיעורים פרטיים דרכם התוודעתי לעולם העשיר של ספרות היידיש הכולל ספרי רפואה, שירה בת-ימינו, מיסטיקה (למשל, דער ניסטער), וגיליתי עולם עצום ומופלא. תוך כדי-כך מבלי להרגיש התאהבתי בשפה. ההתעניינות שלי בשפה המשיכה גם אחרי שאימי הלכה לעולמה (לא לחינם נקראת היידיש: מאמא לשון).

את הסיפור "מעשה בגימל אחים" למדתי בקורס בבית שלום עליכם, בכיתתה של הגב' אסתר ראָזשאַנסקי (אסתרקע די בעסטערקע, כפי שקראנו לה). הסיפור מספר על אב חכם ועשיר שרוצה לפרוש מעסקיו כדי שיוכל להתפנות ללימוד תורה, ועליו להחליט למי מבין שלושת בניו להוריש את עסקיו. הוא רוצה לבחור בחכם ביותר, ושולח את בניו, כל אחד לכיוון אחר, למסע של שנה כדי לחזור עם תשובה לשאלה "מה המשמעות של חיי אדם בעולם?" בתום שנה חוזר כל אחד מהבנים עם תשובה אחרת.

באותה תקופה בחיי עסקתי בשאלה "מה משמעות חייו של האדם" והסיפור הזה נגע בדיוק בנקודה זו ממקום מאוד לא צפוי. לכן, תרגמתי אותו, גם כדי לשתף את אשתי בסיפור, וגם כמה חברים ששאלות מעין אלה מעסיקות אותם. אני לא מכיר הרבה פולקלור בעניין, והידע שלי בספרות היידיש מועט מאוד (לצערי), גם אם גובר והולך בזכותה של מורתי המצוינת (לפעמים בכיתה, כשהקריאה סיפור, היה נדמה כאילו השכינה ירדה להקשיב), אך התשובה לשאלה שמביא האח האמצעי מופיעה בצורה דומה כסיפור זן שנתקלתי בו בצעירותי, והערות החכם והאב לסיפור זה הפתיעו אותי מאוד.

מה מצאתי בסיפור? קודם כל, בעיני מדובר בסיפור אוניברסלי, לאו דווקא יהודי, שיכול להתאים לכל דת ולכל אדם ששאלת הקיום מעניינת אותו; דבר שני, ה'אבולוציה' של התשובות לשאלה כפי שמקבלים האחים השונים: תשובה ראשונה היא פשט, השנייה היא משל, והשלישית מרומזת מאוד והפוכה למה שיכול להיחשב כתשובה; דבר שלישי, האב ששולח את בניו לחפש תשובה לשאלה, שכבר 'הפך' בה בעצמו, אם אפשר לומר כך, וידע טוב יותר מכל מה שאמרו החכמים (נראה שעצם ההתייגעות בשאלה כבר מוביל להבנה טובה יותר של תשובה אפשרית); דבר רביעי, התשובה עצמה שמאוד נגעה לי; והדבר החמישי – בחירתו של האב בבן החכם ביותר במובן הפילוסופי (ולא בממולח ביותר, או בבעל הקשרים המרובים ביותר) כדי להמשיך את עסקיו; ולבסוף – המשפט האחרון בסיפור שמבטא בעיני את צורת החשיבה היידישאית – סיפור כל-כך 'רציני' מסוכם במשפט 'אישי' וכמעט הומוריסטי.

# ייד

(איבערדערציילט פֿון הענעך אַקערמאַן)

אין אַ ווײַטער מדינה האָט אַ מאָל געלעבט אַ רײַכער מאַן, און ער האָט געהאַט דרײַ זין, וואָס האָבן בײַ אים געלעבט ווי קינדער בײַ אַ פֿאָטער אַ מלך. און דער דאָזיקער רײַכער מאַן איז אויך געווען אַ תּלמיד־חכם, נאָר איבער זײַנע מיסחרים האָט ער אַ סך יאָרן נישט געהאַט קיין צײַט צו לערנען. האָט ער זיך ווי אַ נדר געגעבן, אַז ווי נאָר זײַנע זין וועלן אויסוואַקסן, וועט ער איינעם פֿון זיי, דעם קליגסטן, איבערגעבן זײַנע געשעפֿטן, אַז ער זאָל זיי פֿירן, און דעמאָלט וועט ער זיך אַנידערזעצן און לערנען גאָטס תּורה טאָג און נאַכט.

און אַז זײַנע זין זענען אויסגעוואַקסן, האָט דער רײַכער פֿאָטער זיי גערופֿן צו זיך און ער האָט צו זיי גערעדט די דאָזיקע רייד:

„זין מײַנע, איך בין גענוג רײַך און איר מיט אײַערע קינדסקינדער וועלן נישט דאַרפֿן זיך זאָרגן וועגן פּרנסה. דאַנק איך דערפֿאַר דעם וואָס לעבט אייביק. איך פֿיל זיך אָבער שולדיק קעגן אים מיט דעם וואָס איך האָב פֿאַרלאָזט די תּורה און האָב נאָר זיך פֿאַרנומען מיט מיסחר. ווייל איך איינעם פֿון אײַך באַשטימען אַז ער זאָל פֿירן די מיסחרים, און איך וועל מיט אַ רויִקן קאָפּ זיך אַנידערזעצן לערנען."

יעדערער פֿון די זין האָט געוואָלט אַז אים זאָל דער פֿאָטער באַשטימען פֿאַרן הויפּט פֿון די מיסחרים. און צווישן די דרײַ ברידער האָט שוין געהאַלטן בײַ אַ מחלוקה, אָבער דער פֿאָטער איז געווען אַ חכם און ער האָט צו זיי געזאָגט:

„זין מײַנע, יעדערער פֿון אײַך איז מיר טײַער. איך האָב אַן עצה אַז איר זאָלט זיך נישט דאַרפֿן קריגן. שוין אַ לאַנגע צײַט אַז איך האָב זיך אַרײַנגעטראַכט און עס ווילט זיך מיר דערגיין דעם אמת, וואָס עס איז דער זינען פֿון דעם מענטשנס לעבן אויף דער וועלט. איך וועל יעדערן פֿון אײַך געבן גענוג געלט אויף אַ יאָר צײַט און איר זאָלט אַלע דרײַ פֿאָרן איבער דער וועלט, און נאָך אַ יאָר צײַט זאָלט איר זיך אומקערן צוריק אַהיים, און ווער פֿון אײַך ס'וועט מיר ברענגען דעם קליגסטן ענטפֿער וועגן דעם זינען פֿון מענטשנס לעבן אויף דער וועלט, יענעם וועל איך מאַכן פֿאַר דעם

# עב

במדינה רחוקה חי פעם איש עשיר ולו שלושה בנים שחיו בצל קורתו כמו היו ילדיו של מלך. ואיש עשיר זה, היה גם תלמיד-חכם, אלא שמרוב עיסוקיו חלפו השנים הרבות מבלי שהיה בידו זמן ללמוד. הוא נדר נדר: כאשר יגדלו ילדיו, לאחד מהם, החכם ביותר, ימסור את כל עסקיו, ואז ישב הוא וילמד את תורת ה' יומם וליל.

וכאשר גדלו בניו, קרא אותם האב העשיר אליו ואמר להם: "ילדיי, אני מספיק עשיר כדי שאתם וילדי ילדיכם לא תצטרכו לדאוג לפרנסה. ועל כך אני מודה לאל הנצחי יום יום אני מרגיש מעט אשמה כלפיו בזה שהנחתי לתורה והייתי עסוק רק במסחר. לכן, רוצה אני שאחד מכם ייקח על עצמו לנהל את המסחר, ואני אוכל לשבת וללמוד תורה בראש שקט".

כל אחד מהבנים רצה שבו יבחר האב לראש המסחר. ובין שלושת האחים כבר פרצה מחלוקת, אך האב היה חכם ואמר להם:

"ילדיי, כל אחד מכם יקר לי ביותר, יש לי רעיון כדי שלא תצטרכו לריב. כבר זמן רב הרהרתי בשאלה זו וחפצי הוא להגיע אל האמת, מה המשמעות של חיי אדם בעולם. לכל אחד מכם אתן כסף די צורכו למשך שנה אחת, ושלושתכם תסעו ברחבי העולם ובעוד שנה תחזרו הביתה, ומי מכם שיביא עימו התשובה האמיתית ביותר אודות משמעות חייו של אדם בעולם, אותו, אהפוך לראש המסחר של כל עסקיי, שאותם ינהל בשעה שאני אשב ללמוד."

ושלושת האחים הסכימו לבקשת האב והכינו עצמם לדרך. לכל אחד מהם, העניק האב אניה נפרדת, ששטה למדינה אחרת, ונתן להם ביד רחבה את דמי הוצאותיהם.
ושלושת האחים החלו לנדוד בעולם, מארץ לארץ, וכל אחד מהם חיפש תשובה לשאלת האב – מהי משמעות חיי אדם בעולם.

הויפּט איבער מײַנע געשעפֿטן, ער זאָל זיי פֿירן בשעת איך וועל זיצן און לערנען.“

און די דרײַ ברידער האָבן מסכּים געווען צום פֿאָטערס עצה און זיי האָבן זיך געגרייט אין וועג אַרײַן. יעדערן פֿון זיי האָט דער פֿאָטער אויפֿגעזעצט אויף אַ באַזונדערער שיף, וואָס איז געגאַנגען אין אַן אַנדער מדינה, און מיטגעגעבן זיי מיט אַ ברייטער האַנט געלט אויף הוצאָות. און די דרײַ ברידער האָבן גענומען וואַנדערן איבער דער וועלט, פֿון לאַנד צו לאַנד, און יעדערער פֿון זיי האָט גענומען זוכן אַן ענטפֿער אויף זייער פֿאָטערס פֿראַגע, וואָס עס איז דער זינען פֿון לעבן.

דער עלטסטער פֿון די ברידער איז געקומען אין אַ ווײַט לאַנד און ער האָט דאָרטן געהערט, אַז אין אַ שטאָט וווּ מע מאַכט טעפּ געפֿינט זיך אַ טיפֿער זקן, וואָס אַלע האַלטן אים פֿאַר אַ גרויסן חכם. און דער בכור האָט זיך געהייסן פֿירן צו יענעם זקן. ער האָט פֿאַר זיך דערזען אַ זקן מיט געדיכטע ברעמען און קלוגע אויגן וואָס זיצט לעבן אַ באַרג ליים און מאַכט טעפּ. איז דער בכור צוגעגאַנגען צו דעם זקן און ער האָט זיך פֿאַר אים פֿאַרנייגט, און ער האָט צו אים גערעדט:

„שלום צו דיר, קלוגער מאַן. דײַן חכמה קלינגט ווײַט און ברייט, אַפֿילו איבער די גרענעצן פֿון דער מלוכה. בין איך צו דיר געקומען פֿון אַ ווײַט לאַנד, דו זאָלסט מיר זאָגן: וואָס איז דער זינען פֿון דעם מענטשנס לעבן אויף דער וועלט? און פֿאַר דײַן ענטפֿער וועל איך דיר באַצאָלן אין גאָלד וויפֿל נאָר דו וועסט פֿאַרלאַנגען.“

דער זקן האָט אָפּגעמאָסטן מיט זײַנע קלוגע אויגן דעם יונגן־מאַן און ער האָט אים געענטפֿערט:

„זון מײַנער, וואָס פֿאַר אַ נוצן קען אַזאַ אַלטער מאַן ווי איך בין האָבן פֿון דײַן גאָלד וואָס דו וועסט מיר געבן? איך בין אַזוי אַלט, אַז איך האָב איבערגעלעבט אַלע מײַנע קינדער. איך בין אויך נישט קיין חכם. נאָר איך האָב שוין לאַנג געלעבט אויף גאָטס וועלט און זיך צוגעקוקט צום לעבן, און איך וועל דיר געבן בחינם אַן ענטפֿער אויף דײַן פֿראַגע:

„די וועלט איז אַ גרויסע אַכסניא. מענטשן קומען און מענטשן גייען. די אַכסניא איז שיין אויסגעפּוצט און מע קריגט אין איר די בעסטע זאַכן צו עסן און צו טרינקען. מע זיצט בײַ געדעקטע טישן און מע לאָזט זיך ווילגיין. אַ רײַכערער גאַסט עסט בעסערע מאכלים און טרינקט זיסערע ווײַנען. אַן אָרעמער

הבכור הגיע לארץ רחוקה ושם שמע, שבעיר שבה מכינים סירי חימר, אפשר למצוא זקן בא בימים שנחשב לחכם גדול בעיני כולם. והאח הורה לצאת לדרך לעבר זקן זה. כשנפגשו ראה האח איש זקן עם גבות עבות ועיניים חכמות שישב ליד ערימת חימר והכין סירים. האח התקרב אליו וקד קידה ואמר:

"שלום עליכם זקן חכם, חוכמתך נישאת הרחק ברחבי הארץ, אפילו מעבר לגבולות הממלכה. באתי אליך מארץ רחוקה כדי שתוכל לאמור לי: מהי משמעות חייו של אדם בעולם? ועבור תשובתך אשלם לך בזהב ככל שתבקש".

הזקן מדד את הבחור בעיניו החכמות וענה לו:

"בני, מה תועלת יש לזקן כמותי בזהב שרצית לתת לי? אני כה זקן, שחייתי יותר מכל ילדיי. ואני כלל לא חכם אלא חייתי כבר זמן רב בעולמו של האל ובחנתי את החיים, ואתן לך בחינם תשובה לשאלתך:

"העולם הוא אכסניה גדולה. אנשים באים ואנשים הולכים, האכסניה מצוחצחת היטב ושם מוצאים את הדברים הטובים ביותר לאכול ולשתות. יושבים לשולחן עמוס במאכלים ואפשר לעשות מה שרוצים. אורח עשיר אוכל מאכלים טובים יותר ושותה יין מתוק יותר. אורח עני אוכל מאכל דל ושותה יין שלא מהענבים הטובים ביותר.

וכך, האורח הנמוך ביותר, שאין לו בכלל איך לשלם, לו זורקים פירורים. והוא אוכל אותם לא עם יין, כי אם פשוט עם מים. אלא שכולם נפגשים באכסניה זו, וכולם עוזבים לאחר מכן את השולחן ומסתלקים. ואנשים חדשים מגיעים ולוקחים את מקומם. זו היא כל משמעות החיים."
כך סיים הזקן וחזר להכין סירי חימר.

האח האמצעי גם הוא נסע ברחבי העולם עד שהגיע לעיר שבה נאמר לו שלא רחוק, ביער, נמצא זקן קדוש שחי בפרישות מהעולם, וכל הזמן יושב עם ספריו ולומד. והאח האמצעי נכנס ליער וכשהתקרב לאותו זקן קדוש, אמר לו את סיבת בואו.

והאיש הקדוש אמר לו:
"אענה לך במשל:

גאַסט עסט אַן אָרעמען מאכל און טרינקט ווײַן נישט פֿון די בעסטע טרויבן. און גאָר אַ געמײנער גאַסט, וואָס האָט אין גאַנצן נישט צו באַצאָלן, אים וואַרפֿט מען צו ברעקלעך. און ער פֿאַרטרינקט זיי נישט מיט ווײַן, נאָר מיט פּשוט וואַסער. אָבער אַלע טרעפֿן זיך אין דער דאָזיקער אַכסניא און אַלע פֿאַרלאָזן דערנאָך די טישן און גייען אַוועק. און נײַע מענטשן קומען און פֿאַרנעמען זייערע פּלעצער. אָט דאָס אַלץ איז דער זינען פֿון לעבן.״ אַזוי האָט דער זקן פֿאַרענדיקט און זיך ווידער גענומען אויסצואַרבעטן אַ ליימענעם טאָפּ.

דער מיטלסטער זון איז אויך אַרומגעפֿאָרן איבער דער וועלט, ביז ער איז געקומען אין אַ שטאָט, וווּ מע האָט אים געזאָגט, אַז נישט ווײַט, אין אַ וואַלד, געפֿינט זיך אַ הייליקער מאַן וואָס וווינט אָפּגעזונדערט פֿון מענטשן, און די גאַנצע צײַט זיצט ער איבער ספֿרים און לערנט. איז דער מיטלסטער זון אַוועקגעגאַנגען אין יענעם וואַלד, און ווען ער איז צוגעקומען נאָענט צו יענעם הייליקן מאַן, האָט ער אים געזאָגט צוליב וואָס ער איז געקומען.

און דער הייליקער מאַן האָט צו אים געזאָגט:

„איך וועל דיר ענטפֿערן מיט אַ משל: אַ מאָל איז אַ וואַנדערער געגאַנגען דורך אַ מידבר. פּלוצעם דערזעט ער ווי אַ צאָרנדיקער לייב יאָגט זיך נאָך אים. איז אַ פּחד באַפֿאַלן דעם וואַנדערער און ער האָט גענומען לויפֿן. איז ער אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ גרוב וואָס איז געווען צוגעדעקט מיט צווײַגן, און ווען דער וואַנדערער זאָל זיך נישט געווען אָנכאַפּן אין אַ צווײַג, וואָס האָט אַרויסגעשטעקט פֿון אַ זײַט פֿון גרוב, וואָלט ער אַרונטערגעפֿאַלן אַזוי טיף, אַז זײַנע ביינער וואָלטן זיך צעשאָטן. טיף אין גרוב זענען געווען גיפֿטיקע שלאַנגען. די צווײַג, וואָס דער וואַנדערער האָט זיך אָנגעהאַלטן אויף איר, האָט געקרעכצט, אַז אָט־אָט ברעכט זי זיך איבער. דעם וואַנדערערס לעבן איז געווען אין סכּנה פֿון אַלע זײַטן: אויבן וואַרט אויף אים אַ לייב וואָס וויל אים פֿאַרצוקן, פֿון אונטן שיפּען גיפֿטיקע שלאַנגען, און די צווײַג קרעכצט און האַלט זיך בײַם אײַנברעכן. דערווײַל זעט ער אַז אויף דער צווײַג וואַקסן שיינע עפּל. האָט דער וואַנדערער פֿאַרגעסן אין אַלע געפֿאַרן, און ער האָט גענומען רײַסן די עפּל און זיי עסן. ער האָט געגעסן און נישט געוואָלט טראַכטן פֿון זײַן סוף. אָט דאָס, מײַן זון, איז דעם מענטשנס לעבן. דער נאַרישער מענטש יאָגט זיך נאָך פֿאַרגעניגנס און טראַכט נישט וועגן זײַן סוף.״

היה היה פעם נווד שהלך במדבר. פתאום ראה אריה זועם שועט לעברו. פחד נפל על הנווד והוא התחיל לרוץ. הוא נפל לתוך בור שהיה מכוסה בענפים. ואילו לא היה נאחז בענף שבלט מצד הבור, היה נופל כל-כך עמוק, שכל עצמותיו היו מתנפצות. עמוק בבור היו נחשים ארסיים. הענף, שבו נאחז הנווד חרק ואט אט החל להישבר. חיי הנווד היו בסכנה מכל הצדדים: למעלה חיכה לו אריה שרצה לטרפו, ולמטה לחשו נחשים ארסיים, והענף חרק עד שנתפס בסיב אחד בלבד.

תוך כדי כך ראה שעל הענף צמח תפוח יפהפה. וזה גרם לנווד לשכוח את כל הסכנות, והוא חשב לקטוף את התפוח לאכלו. הוא אכל ולא רצה לחשוב על מותו. כך נראים, בני, חיי האדם. האיש הטיפש נרדף על-ידי הנאות ולא חושב על סופו.״

הבן הצעיר נסע גם הוא בארצות רבות, עד ששמע שבעיר אחת מסתובב בין הבתים קבצן פשוט והוא חכם גדול. הבן הצעיר נסע לעיר זו, פגש את הקבצן וביקש ממנו שיגיד לו מה משמעות חייו של האדם בעולם.

על כך ענה הקבצן:

״אספר לך סיפור. אילם אחד אמר פעם לעיוור: יש לי בן חירש, הוא עצוב מאוד. אולי מכיר אתה איזה כנר שיעשה אותו שמח? ענה העיוור לאילם: במקרה ראיתי היום כנר טוב. אשלח אליו את ילדי שאין לו רגליים. הנגן עצמו אין לו ידיים וכאשר יבוא לבנו של האילם, הוא ינגן לכבודו בכינור שאין לו כלל מיתרים. בנו של האילם התחיל לשיר, והעיוור, כשראה שבנו של האילם נעשה שמח, נתן לו את בנו, שאין לו רגליים, כדי שירקוד. הרבה אנשים באו לחזות בשמחה. כשהשקר שמע על כך, בא גם הוא בריצה, וכשכולם ראו את השקר השתחוו אליו אפיים ארצה וקראו: ׳יחי השקר, מלכנו!׳. כך הם החיים״.

לאחר שנה קרא האיש העשיר לשלושת בניו לחזור. כל אחד מהם לפי גילו, מסר לאביו את מה שלמד על משמעות החיים. כשהבן הבכור סיפר לאביו שהחיים משתווים לאכסניה אמר האב:

דער מיזיניק איז אויך געפֿאָרן אין אַ סך לענדער, ביז ער האָט געהערט אַז אין אַ שטאָט גייט אַרום אַ פּשוטער בעטלער איבער די הײַזער, און יענער בעטלער איז אַ גרויסער חכם. און דער מיזיניק איז געפֿאָרן אין יענער שטאָט און ער האָט באַגעגנט יענעם בעטלער און ער האָט בײַ אים געבעטן, אַז ער זאָל אים זאָגן וואָס עס איז דער זינען פֿון מענטשנס לעבן אויף דער וועלט.

דער בעטלער האָט דערויף געענטפֿערט: „איך וועל דיר דערציילן אַ מעשׂה. אַ שטומער האָט אַ מאָל געזאָגט צו אַ בלינדן: איך האָב אַ טויבן זון, איז ער זייער אַן אומעטיקער. אפֿשר ווייסטו פֿון עפּעס אַ גוטן פֿידל־שפּילער אים פֿריילעך צו מאַכן? האָט דער בלינדער געענטפֿערט דעם שטומען: איך האָב גראָד הײַנט געזען אַ גוטן פֿידל־שפּילער. איך וועל נאָך אים שיקן מײַן זון, וואָס האָט נישט קיין פֿיס, אַז ער זאָל אים רופֿן. דער פֿידל־שפּילער האָט נישט געהאַט קיין הענט, און אַז ער איז געקומען צום שטומענס זון, האָט ער פֿאַר אים געשפּילט אויף אַ פֿידל וואָס האָט אויף זיך נישט געהאַט קיין סטרונעס. דער שטומער פֿאָטער האָט געזונגען, און דער בלינדער, דערזעענדיק, אַז דעם שטומענס זון איז פֿריילעכער געוואָרן, האָט ער געבעטן זײַן זון וואָס האָט נישט געהאַט קיין פֿיס אַז ער זאָל גיין טאַנצן. אַ סך מענטשן זענען אָנגעקומען און צוגעזען די שׂימחה. ווען דער שקר האָט פֿון דעם דערהערט, איז ער אויך געקומען צו לויפֿן. און ווען דער עולם האָט דערזען דעם שקר, האָבן זיי אַלע פֿאַר אים געקניט און געבוקט זיך און זיי האָבן אויסגערופֿן: 'לעבן זאָל דער שקר, אונדזער קיניג!' אָט דאָס איז דאָס לעבן."

צום יאָר האָבן זיך דעם רײַכן מאַנס דרײַ זין צוריקגעקערט אַהיים. יעדערער, לויט זײַן עלטער, האָט דעם פֿאָטער איבערגעגעבן דעם זינען פֿון לעבן. ווען דער עלטסטער זון האָט דעם פֿאָטער דערציילט אַז דאָס לעבן איז געגליכן צו אַן אַכסניא, האָט דער פֿאָטער געזאָגט:

„קען דען זײַן אַז די וועלט איז בלויז אַן אָרט צו עסן און טרינקען און זיך לאָזן וווילגיין? איז דאָס דער ציל פֿון דעם גאַנצן באַשאַף? ווי וואָלט געוועזן דעם מענטשן אויף דער וועלט, ווען זי זאָל זײַן נישט מער ווי אַן אַכסניא."

"האם יכול להיות שהעולם הוא רק מקום לאכול ולשתות ולהתענג? האם זו המטרה של כל הבריאה? האם יכול היה לבוא סבל על האנשים בעולם אם היה הוא לא יותר מאכסניה."

והבן האמצעי מסר לאביו את המשל של האיש הקדוש ביער, אמר האב בתשובה:

"האיש הקדוש דיבר בחוכמה, אך דבריו לא נכונים לגמרי. העולם מורכב לא רק מחיות רעבות ומנחשים. אלוהים ברא עולם יפה, אך האדם צריך לדעת כיצד לחיות".
והבן הצעיר ראה איך נכשלו שני אחיו, ואחרי שסיפר לאביו את הסיפור של הקבצן, אמר:

"גם הקבצן לא צדק. אנשים שונאים שקר, למרות שמידי פעם פותו על-ידו. אך שליטתו לא יכולה להמשך לעד. והרהרתי לעצמי מהי משמעות החיים. משמעות החיים היא לחפש את האמת. החיפוש הזה הוא מטרת החיים. כל זמן שאדם מחפש – הוא חי".

האב חיבק את בנו הצעיר ואמר:

"כן, בני, אתה צודק. תשובתך היא הנכונה ביותר: המטרה ומשמעות החיים הוא החיפוש הזה! ואתה בני, החלטתי שתנהיג את עסקיי.

ומאז ישב האב יום וליל ללמוד את תורת האל, ובנו הצעיר החכם הנהיג את עסקיו, וכל המשפחה נעשתה אפילו עוד יותר עשירה. ואלוהים יעזור לנו שיפלו גם עלינו הרבה דברים טובים, אמן.

און דער מיטלסטער זון האָט דעם פֿאָטער איבערגעגעבן דעם משל פֿון דעם הייליקן מאַן אין וואַלד. האָט דער פֿאָטער געזאָגט:

„דער הייליקער מאַן האָט גערעדט קלוג, אָבער זײַנע רייד זענען נישט אין גאַנצן ריכטיק. די וועלט באַשטייט נישט בלויז פֿון הונגעריקע חיות מיט שלאַנגען. גאָט האָט באַשאַפֿן אַ שיינע וועלט, נאָר דער מענטש דאַרף וויסן ווי צו לעבן.“

און ווען דער מיזיניק האָט געזען ווי זײַנע צוויי ברידער זענען דורכגעפֿאַלן, האָט ער נאָכן דערציילן די מעשׂה פֿון בעטלער געזאָגט צום פֿאָטער:

„אויך דער בעטלער איז ניט געווען גערעכט. מענטשן האָבן פֿײַנט שקר, כאָטש זיי ווערן אַ מאָל פֿון אים פֿאַרפֿירט. אָבער זײַן הערשאַפֿט קען לאַנג נישט אָנהאַלטן. איך האָב זיך אַליין דערטראַכט וואָס עס איז דער זינען פֿון לעבן. דער זינען פֿון לעבן איז צו זוכן דעם אמת. דאָס זוכן איז דער ציל פֿון לעבן. כּל־זמן דער מענטש זוכט – לעבט ער.“

דער פֿאָטער האָט אַרומגענומען זײַן ייִנגסטן זון און ער האָט געזאָגט:

„יאָ מײַן זון, דו ביסט גערעכט. דײַן ענטפֿער איז דער ריכטיקער:

דער ציל און זינען פֿון לעבן איז דאָס זוכן! און דיך, מײַן זון, באַשטים איך צו פֿירן מײַנע מיסחרים.“

און פֿון דעמאָלט אָן איז דער פֿאָטער געזעסן טאָג און נאַכט און האָט געלערנט גאָטס תּורה, און זײַן קלוגער ייִנגסטער זון האָט געפֿירט די געשעפֿטן, און די גאַנצע משפּחה איז נאָך רײַכער געוואָרן. גאָט זאָל אונדז העלפֿן אַז מיר זאָלן אויך געהאָלפֿן ווערן מיט אַלעם גוטן, אָמן.




Frederick Robinson Cayley, *The Three Brothers*, c.1897



**יוסי באומהקר** ד"ר לנוירופיזיולוגיה, מרצה ואיש חינוך, מנחה קבוצות וקורסים בנושאים שונים כגון: מניעת שימוש בסמים. מחבר *"ספר התודעות המשולבות – מסעות בחלום"*. לומד יידיש מזה כמה שנים במסגרות שונות, בעיקר *בית שלום-עליכם*.